טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ח | גליון 144 | פסח תשפ"ד לפ"ק





## וְנָתַן לָנוּ אֶת מָמוֹנָם; דער שליסל צו אַ שפע אין פרנסה – שמירת עינים!

א

## בָּרוּךְ שׁוֹמֵר הַבְטָחָתוֹ לְיִשְׂרָאֵל; יציאת מצרים פאַרצייכנט די הבטחת ה' אַז קדושה ברענגט הצלחה

### דער לימוד פון יציאת מצרים – אלעס איז נסים

דער גרויסער יום טוב פסח, אנטהאלט אין זיך אזויפיל הייליגע מצוות מדאורייתא ומדרבנן, הלכות, ענינים און מנהגי ישראל. אבער איבער אלעם, איז פסח דער 'יום טוב פון אמונה'. ווי מיר לערנען אין אלע פסוקי התורה וויאזוי דער רבוש"ע האט קלאר מגלה געווען ביי יציאת מצרים אז ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט וואס יעדע פרט אין דער בריאה ווערט געפירט בלויז דורך אים.

גאר באקאנט זענען די יסודות האמונה וואס דער הייליגער **רמב"ן** איז קובע אין סוף פרשת בא, אז דער רבוש"ע האט דעמאלט איינמאל געוויזן זיינע וואונדער, אותות ומופתים חוץ לדרך הטבע, כדי צו איבערצייגן די אמונת הבורא, און פון דעמאלט דארפן מיר שטענדיג מאכן א 'זכר ליציאת מצרים', ווייל דורכדעם וואס מען געדענקט די 'נסים הגדולים המפורסמים', אנערקענט מען אז אלע אונזערע פעולות און אלעס וואס פאסירט צו אונז איז 'נסים נסתרים'. ס'איז נישטא קיין טבע ומנהגו של עולם! נאר אויב א איד טוט מצוות - וועט ער האבן הצלחה, און אויב איז ער חלילה עובר אויף די תורה וועט ער באקומען אן עונש. ווייל די גאנצע טבע ווערט געפירט בלויז דורך דעם

### זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י הרבני הנגיד המפואר
הר"ר **יואל אברהם יודא שווארץ** הי"ו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן

### הדפסת הגליון

נתנדב ע"י הרבני הנגיד המפואר
הרה"ח ר' **משה חיים גאלדשטיין** הי"ו
זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב אמן




קיום התורה פון אידישע קינדער.[1] עכת"ד הק'.

## מ'זעט דעם 'יש מנהיג לבירה' אויך היינטיגע צייטן

יציאת מצרים איז אלזא נישט קיין אמאליגע געשעעניש, ס'איז א לימוד אויף אונזער טאג טעגליכן לעבן, אז טראצדעם וואס מיר זענען שוין נישט אזעלכע אפענע נסים ווי יציאת מצרים וואס האט איבערגעדרייט די וועלט, אבער יציאת מצרים פארציילט אונז אז יעדע דעטאל פון אונזער לעבן איז א נס, לטוב ולמוטב, און 'אלעס' איז געוואנדן אויב מיר זענען ריכטיג מקיים די תורה.

דאס מציאות איז טאקע, אז מ'קען דאס באשיינפערליך זען אפילו אין אונזער דור, ווען עס הערשט אזא גרויסע הסתרת פנים, אבער פונדעסטוועגן איז דער רבוש"ע זיך כסדר מגלה, צו ווייזן אז 'יש מנהיג לבירה'. אויב האט מען אפענע אויגן און אויערן באמערקט מען אסאך וואונדערליכע פאסירונגען, וואו ס'קומט ארויס קלאר די השגחה עליונה און דער יד ה' וואס באגלייט אונז אויף יעדן טריט און שריט.

## יסוד האמונה: ווען א איד איז ערליך באקומט ער אלעס גוטס

ווי דערמאנט, שמועסט דער רמב"ן אויס גאר שטארק, אז יציאת מצרים איז אן אייביגער לימוד אויף דעם גרויסן יסוד האמונה, אז דער רבוש"ע באצאלט שכר פאר די וואס טוען זיין רצון: 'שהבורא יתברך שמו גומל טוב לשומרי מצוותיו'.

דאס איז איינס פון די באהאלטענע הנהגות פון דעם רבוש"ע, און פון די עקרי האמונה, וואס די תורה הק' איז אונז דערויף מבטיח אומצאליגע מאל, אז א איד וואס איז מקיים דעם רצון הבורא וועט פשוט האבן א גוט לעבן מיט אסאך שפע, ווי מיר זאגן יעדן טאג אין קריאת שמע: **וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל מִצְוֹתַי... וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם, וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ, וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ.** און ווי די פסוקים אין אנהויב פרשת בחוקותי

> **אויב האט מען אפענע אויגן און אויערן באמערקט מען אסאך וואונדערליכע פאסירונגען, וואו ס'קומט ארויס קלאר די השגחה עליונה און דער יד ה' וואס באגלייט אונז אויף יעדן טריט און שריט.**

מיט אלע ברכות וואס קומט אויב מ'וועט גיין אין די וועגן פון השי"ת.

אויף דער היינטיגער שפראך מיינט דאס אז ווען א איד איז ערליך און אפגעהיטן; ער טוט וואס מ'דארף און ער טוט נישט קיין עבירות, וועט ער באקומען פון אלעם גוטן! עס וועט אים נישט פעלן קיין פרנסה, עשירות, געזונט, הרחבת הדעת און אלע ברכות וואס א איד וואונטשט זיך. דאס זענען קלארע פסוקי התורה און דאס זענען הבטחות וואס קומט פון דעם רבוש"ע אליין!

פארשטענדליך אז אין א וועלט פון הסתר פנים, שטעלט דער רבוש"ע אויס בכוונה אז מ'זאל דאס נישט אויפכאפן פון אינדרויסן. אבער דער אמת בלייבט אזוי אן קיין שום ספק, אז דורך זיין ערליך באקומט מען בפועל אלעס גוטס. און גאר אסאך מאל זעט מען דאס ממש בחוש מיט די פליישיגע אויגן, ווי אידן זאגן עדות זייער אסאך מאל וויאזוי זיי זענען געווארן געהאלפן און געבענטשט בזכות פון זיך פירן בדרך התורה.

## השפעות טובות פון שמירת עינים

נאך פיל מער איז אט דער יסוד אקטועל ווען ס'קומט צו דער גרויסער מצוה 'שמירת עינים', וואס מ'זעט ביי דעם ענין א ספעציעלע הנהגה, וויאזוי דער רבוש"ע ווייזט פאר א איד, אז דורכדעם וואס ער האט זיך געשטארקט אויף זיינע נסיונות, באקומט ער א גרויסן שכר. צומאל איז דאס מיט אויסטערלישע הצלחה אין פרנסה, און צומאל איז דאס ביי אנדערע ישועות וואס מ'נויטיגט זיך דערינען.

אייגנטליך איז דאס שוין א קלארע הבטחה, וואס דער נביא ישעיה זאגט פאר אידישע קינדער (ישעיה לג טו-טז): **וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, הוּא מְרוֹמִים יִשְׁכֹּן, מְצָדוֹת סְלָעִים מִשְׂגַּבּוֹ, לַחְמוֹ נִתָּן, מֵימָיו נֶאֱמָנִים.** אין אידישער אפטייטש: דער וואס פארמאכט זיינע אויגן פון קוקן אויף שלעכטס, וועט רוען אין דער הייך, אויף שטיינערנע פעסטונגען (ד.ה. א פעסטן גרונד) וועט זיין זיין וואוינונג, זיין ברויט וועט געגעבן ווערן, און זיין וואסער וועט שטענדיג פליסן".[2]

---

**1. רמב"ן:** "עתה אומר לך כלל בטעם מצות רבות... וכאשר ירצה האלקים בעדה או ביחיד ויעשה עמהם מופת בשנוי מנהגו של עולם וטבעו, יתברר לכל... כי המופת הנפלא מורה שיש לעולם א-לוה מחדשו ויודע ומשגיח ויכול... ולכן יאמר הכתוב במופתים **'למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ'** (שמות ח יח), להורות על ההשגחה כי לא עזב אותה למקרים כדעתם. ואמר (ט כט) **למען תדע כי לה' הארץ,** להורות על החדוש כי הם שלו שבראם מאין. ואמר (שם ט יד) **בעבור תדע כי אין כמני בכל הארץ,** להורות על היכלת שהוא שליט בכל אין מעכב בידו. כי בכל זה היו המצריים מכחישים או מסתפקים. אם כן האותות והמופתים הגדולים עדים נאמנים באמונת הבורא ובתורה כלה.

"ובעבור כי הקב"ה לא יעשה אות ומופת בכל דור לעיני כל רשע או כופר, יצוה אותנו שנעשה תמיד זכרון ואות לאשר ראו עינינו, ונעתיק הדבר אל בנינו ובניהם לבניהם ובניהם לדור אחרון והחמיר מאד בענין הזה כמו שחיב כרת באכילת חמץ, ובעזיבת הפסח, והצריך שנכתוב כל מה שנראה אלינו באותות ובמופתים על ידינו ועל בין עינינו ולכתב אותו עוד על פתחי הבתים במזוזות ושנזכיר זה בפינו בבקר ובערב... ושנעשה סכה בכל שנה, וכן כל כיוצא בהן מצות רבות זכר ליציאת מצרים, והכל להיות לנו בכל הדורות עדות במופתים שלא ישתכחו, ולא יהיה פתחון פה לכופר להכחיש אמונת האלקים...

"ומן הנסים הגדולים המפרסמים אדם מודה בנסים הנסתרים, שהם יסוד התורה כולה. שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו, עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכלם נסים. אין בהם טבע ומנהגו של עולם, בין ברבים בין ביחיד, אלא אם יעשה המצות - יצליחנו שכרו, ואם יעבר עליהם - יכריתנו ענשו. הכל בגזרת עליון."

**2.** ואף דקרא ההוא מונה עוד כמה דברים שבגללם יזכה לכל הברכות הללו **"הֹלֵךְ צְדָקוֹת וְדֹבֵר מֵישָׁרִים מֹאֵס בְּבֶצַע מַעֲשַׁקּוֹת**






# די כעס אויסברוך פון אַ פיינטליכע ריכטערין

**אן עלטערער בעה"ב דערציילט:**

איך בין שוין נישט קיין יונגערמאן, איך מאך שוין חתונה אייניקלעך, און כ'בין ב"ה א שיינער בעל פרנסה, בעיקר פון עטליכע גרעסערע פארדינסטן וואס השי"ת האט מיר געשיקט. ווען איך טראכט אויף צוריק, זע איך וויאזוי ממש 'די גאנצע הצלחה' איז געקומען אין זכות פון שמירת עינים. כ'האב זוכה געווען צו זען אסאך מאל ממש אפענע נסים אין זכות פון זיך היטן בקדושה.

פאלגנד איז איין פערזענליכע איבערלעבעניש וואס כ'בין דורכגעגאנגען ביי מיין סאמע - גרעסטע אינוועסטמענט, און וויאזוי כ'האב דארט בייגעוואוינט א נס חוץ לדרך הטבע אדאנק שמירת עינים:

כ'האב געהאט אפגעקויפט א שטח צו בויען דערויף א געביידע אין א געוויסע געגנט. ווי געווענליך איז דא פונקטליכע 'זאנינג' געזעצן, וויפיל, און ווי הויך מען איז ערלויבט צו בויען. אבער דער ארכיטעקטאר האט געזאגט אז מ'דארף נישט אזוי גענוי מקפיד זיין אויפ'ן געזעץ, מ'מעג אביסל ארויסבויען און צולייגן נאך א שטאק. געווענליך האב איך זייער מורא פון די סארט ריזיקעס, אבער אין דעם פאל האב איך, משום איזה סיבה, געהאט צופיל געטרויט אין אים. און זעענדיג אז אויך אנדערע בויען דארט אויף דעם אופן, האב איך ארויסגעבויעט און צוגעלייגט נאך א שטאק, מער ווי די זאנינג רעגולאציע ערלויבט.

את אשר יגורנו בא - למעשה האט מען דאס געכאפט און די רעגירונג האט מיר גערופן אין געריכט. מ'קען זיך פארשטעלן וויאזוי כ'האב זיך ארומגעדרייט אן קיין קאפ. און אויב דאס איז נישט גענוג, האב איך נאך באקומען עפעס א שופטת, א מרשעת מזרע ישראל, וואס איז באקאנט אז ווען ס'האנדלט זיך קעגן א חרדי'שן איד גייט זי בכל חומר הדין מיט א געוואלדיגע שנאה. איך בין געווען ממש אובד עצות.

מיינע חברים האבן מיר גע'עצה'ט אז כ'האב אפשר איין שאנס אויב איך קען האבן א געוויסן גאר גרויסער לויער, וואס פאר אים האט זי דרך ארץ. כ'האב טאקע זיך ארייגעלייגט מיט אלע כוחות און ב"ה אז ס'איז מיר געלונגען צו באקומען דעם לויער.

ביי דער ערשטער געריכט סעסיע איז די שופטת טאקע געווען גאנץ ווייך, לכבוד דעם גרויסן לויער, אבער ס'איז געבליבן אז זי גייט אראפשיקן איינעם וואס זאל אפמעסטן דעם פונקטליכן פראפערטי און זען וואס ס'טוט זיך דארט. דאס איז בכלל נישט געווען קיין גוטע נייעס, ווייל אז מ'קוקט, זעט מען די פאקטן אויפ'ן שטח...

ביים קומענדיגן געריכט האב איך ווייטער פארלייגט כוחות, צו באקומען יענעם לויער, און ער האט מיר פארשפראכן צו קומען, אבער אנקומענדיג דארט אויפ'ן פלאץ האב איך אים נישט געזען. מיטאמאל קומט צו מיר א שיקעס, א חצופה, און באגריסט מיר זאגנדיג אז זי איז די צווייט- גרעסטע לויערן פון יענע אדוואקאטן פירמע, און היות יענער לויער האט נישט געקענט קומען, וועט זי מיר העלפן ביי דעם געריכט סעסיע.

איך האב אבער שוין לאנג געהאט אפגעמאכט א פעלזן פעסטע קבלה, אז ווען ס'קומט צו קדושה איז נישטא קיין שום חשבונות! דאס איז די גאנצע סיבה פארוואס איך בין בכלל דא אויף דער וועלט, און דאס איז העכער אלעס, איך טראכט אפילו נישט פון עפעס אנדערש! זאל זיין וואס ס'זאל זיין, איך היט מיך אפ מיט מסירת נפש, נישט קיין נפקא מינא אויף וועלכן חשבון דאס וועט גיין.

דעריבער האט איך זיך תיכף ומיד אוועקגעדרייט מיין פנים צו דער אנדערער זייט און זיך בכלל נישט וואוסנדיג געמאכט. זי באגריסט מיר נאכאמאל און נאכאמאל, אבער טראצדעם וואס כ'בין געשטאנען פארלוירנערהייט אין געריכט הויז און זי איז מיר דא געקומען העלפן אין דעם קעיס, האב איך זיך ניטאמאל אויסגעדרייט דאס פנים. איך האב איר טאטאל איגנארירט. באמת האב איך אפילו נישט געטראכט וואס איך טו. איך האב נאר געשפירט איין זאך: "איך גיי נישט שטיין אין ווארט מיט אזא חצופה, ענדערש זאל איך אלעס פארלירן! מיין קדושה איז וויכטיגער פון אלעם!"

פארשטייט זיך, אז זעענדיג ווי איך מאך זיך נישט צוטון, האט זי תיכף פארלאזט דאס פלאץ, און מיר איבערגעלאזט דארט אליין, אן קיין שום לויער.

אין יענע מינוטן האבן איך געשפירט עפעס א געפיל וואס כ'האב נאך קיינמאל אין מיין לעבן נישט געהאט! איך האב געוואוסט איך שטיי דא איינער אליין, אן קיין שום הילף פון קיינעם, נאר איך מיט'ן רבוש"ע! גערעכט בין איך נישט, קיין לויער האב איך נישט, די שופטת זוכט נאר מיין שלעכטס, און באלד קומט דער מענטש וואס האט געמאסטן דעם שטח מיט זיינע באווייזן קעגן מיר... בדרך הטבע האב איך נישט קיין אויסזיכטן.




**רש"י** איז מפרש דארט אויפ'ן פלאץ: "לא יהא מבקש לחם, זרעו יגדל, וכל צרכיו יסופקו". - אזא מענטש וועט וועט נישט זוכן קיין ברויט (פרנסה), זיינע קינדער וועלן וואקסן, און אלע זיינע באדערפענישן וועלן ווערן צוגעשטעלט.

אט די נצחיות'דיגע הבטחה פון השי"ת זעט מען בפועל ממש ביז'ן היינטיגן טאג! נאמן אתה הוא ה' אלקינו ונאמנים דבריך! אין דער מערכת פון 'טהור עינים' הערט מען כסדר צוריק פון אידן אומעטום, וואס פארציילן ערשטהאנטיגע מעשיות נפלאים, איבער אויסנאמליכע השפעות טובות וואס זיי האבן באקומען אין זכות פון שמירת עינים. ווייל אז מ'טוט דעם רצון ה' ווערט מען אויטאמאטיש געבענטשט מיט אלעס גוטס.

## די עיקר שפע פון א מצוה וואס קומט אן שווער

באזונדער האט די מצוה פון 'שמירת עינים' א סגולה מיוחדת צו ברענגען א גרויסע שפע פאר'ן מענטש, ווייל די נסיונות פון 'שמירת עינים' קומען דאך נישט אן גרינג, און **חז"ל** שטעלן אונז שוין אראפ דעם כלל (אבות ה, כג): 'לפום צערא אגרא'. - וויפיל שווערער ס'קומט אן, וויפיל מער מ'דארף זיך אנשטרענגען כדי זיך צו מתגבר זיין, אזויפיל ברייטער עפענען זיך די טויערן פון השפעה צו געבן א דאפלטן שכר בכפלי כפליים!

דער יסוד ווערט שטארק ארויסגעברענגט אין די ווערטער פון דעם הייליגן **חתם סופר** זצ"ל (דרשות, ער"ח אדר שני תקס"ב, דרוש ג) אויף דער גמרא אין מסכת שבת (קיט.), אז די עשירים פון 'ארץ ישראל' באקומען זייער עשירות, אין זכות וואס זיי געבן מעשר. די עשירים פון 'בבל' באקומען זייער עשירות, אין זכות וואס זיי זענען מכבד די תורה. און די עשירים פון 'אנדערע מקומות' זענען זוכה צו זייער עשירות, אין זכות וואס זיי זענען מכבד דעם שבת.

פרעגט דער חתם סופר, מילא ווען ס'קומט צו דער מצוה פון 'מעשר', איז דאס נאר שייך צו געבן אין ארץ ישראל, אזוי אויך די תורה האט זיך אין יענע צייט געפינען בעיקר אין בבל. אבער שבת איז דאך שייך איבעראל אויף יעדן פלאץ. אויב אזוי, קען דאך די גמרא זאגן אז אלע עשירים באקומען זייער געלט אין זכות פון מכבד זיין דעם שבת?! פארוואס דארף די גמרא זאגן אז די עשירים פון ארץ ישראל און בבל זענען זוכה צוליב עפעס אנדערש?!

נאר, זאגט דער חתם סופר, א כלל גדול: בעצם ווערט דער עיקר שכר פאר די מצוות אוועקגעלייגט אויף יענער וועלט. דא אויף דער וועלט באקומט מען שכר מיט עשירות, בלויז ווען מ'טוט א מצוה וואס מ'דארף זיך אנשטרענגען דאס צו מקיים זיין. ס'קומט אן שווער און ווייניג מענטשן זענען נזהר דערינען. דעריבער רעכענען חז"ל אויס ביי יעדע פלאץ, א געוויסע מצוה וואס איז געווען נאכגעלאזט אין יענעם מקום, ווייל אין זכות וואס מ'איז מקיים אזא סארט מצוה וואס קומט נישט אן לייכט, דורכדעם באקומט מען עשירות מיט גוטע השפעות!

ומדבריו הק' למדנו, אז דאס איז נאך איינס פון די שטארקע סיבות פארוואס שמירת עינים ברענגט אזא הצלחה און שפע, ווייל ס'קומט אן שווער. די נסיונות זענען נישט פשוט, און ליידער איז נישט יעדער נזהר דערין. טאקע דערפאר, ווען א איד שטרענגט זיך אן זיך צו מתגבר זיין, דעמאלט איז ער ווירקליך זוכה צו גרויסע השפעות און ברכות.

## גרעסערע יצר הרע; גרעסערע עשירות!

אזוי שטייט במפורש פון דעם **בעש"ט הק'** (בעש"ט עה"ת, לך לך) אויף דעם וואס די גמרא זאגט (שבת קנו,א) אז איינער וואס איז געבוירן דינסטאג וועט זיין **"גְּבַר עַתִּיר וְזַנַּאי"** (ער וועט זיין רייך און ער וועט האבן א שטארקן יצר הרע בעניני קדושה). לכאורה, וויאזוי שטימט די צוויי זאכן אינאיינעם, די גמרא זאגט דאך (סוטה ד,ב): 'כל הבא על אשה זונה, לסוף מבקש ככר לחם' - דהיינו אז דאס פוגם זיין ח"ו ברענגט עניות?

נאר, האט דער הייליגער בעש"ט געענטפערט, די כוונה איז פארקערט. טאקע צוליב דעם וואס ער וועט האבן א שטארקן יצר הרע און ער וועט זיך מתגבר זיין, דורכדעם וועט ער זוכה זיין צו עשירות. ווייל התגברות אויפ'ן יצר הרע און די ברכה פון פרנסה גייט געקניפט און געבינדן!

ב

# וּרְכוּשׁ מִצְרַיִם בְּיָדָם; התגברות אויף שמירת עינים ברענגט השפעות פון אַסאַך געלט

## יוסף הצדיק באקומט אַלע רייכטום פון דער וועלט

אין די הייליגע ספרים געפינען מיר גאר אסאך מקורות אויף דער הבטחה, אז ווען א איד פירט זיך אויף בקדושה, האט דאס א באזונדערע סגולה צו עפענען שפע פון הימל מיט פרנסה און עשירות, ווייל דאס איז די נאטירליכע סדר הבריאה: קדושה ברענגט שפע.

דער **זוהר הק'** זאגט (מקץ קצו:) אז יוסף הצדיק איז אנגעקומען צו אזא אויסטערלישע געוואלדיגע עשירות, איינצוזאמלען אין זיינע אוצרות, אלע גאלד און זילבער 'פון דער גאנצער וועלט'! אלעס וויבאלד ער האט זיך מתגבר געווען מיט אזא גבורה אויף זיינע שווערע נסיונות. ווי דער פסוק זאגט: 'ויוסף הוא המשביר' - וויפיל מער מ'איז אפגעהיטן מיט די מדה פון יוסף הצדיק, אזויפיל מער איז דא א שפע פון פרנסה!

## 'רכוש מצרים' און 'ביזת הים' – אדאנק דאס התגברות פון אידן

דאס זעלבע האט זיך שפעטער איבערגע'חזר'ט ווען אידישע קינדער זענען



זייענדיג אזוי צעמישט האב איך אריינגעשטעקט מיין האנט אין טאש, זוכנדיג עפעס וואס כ'קען יעצט טון אדער זאגן. און פונקט איז ארויסגעקומען א צעטל מיט דעם באקאנטן ניגון פון הרה"צ רבי אהרן יוסף לוריא זצ"ל בעל עבודת פנים: 'רבונו של עולם, איך בעט דיר זייער'.

כ'האב גענומען דאס צעטל און אנגעהויבן זינגען שטילערהייט דעם ניגון מיט א מורא'דיגע דביקות. איך האב אזעלכע רגעים קיינמאל נישט געהאט בעפאר. מיין הארץ איז געווען אפן און באהאפטן נאר צום באשעפער, וואוסנדיג אז קיינער אויף דער וועלט קען מיר יעצט נישט העלפן נאר השי"ת. מיט טרערן אין די אויגן האב איך געזינגען: "איך פארזיכער זיך נישט אין קיינעם, נאר אין דיר, איך האף נישט צו קיינעם נאר צו דיר... דיין רחמנות און דיינע חסדים, זענען אן א שיעור... רבונו של עולם, מען דארף אנקומען צו דיר, יעדע רגע און יעדע מינוט, אויף יעדן טריט און יעדער שריט..." - אזוי האב איך געזינגען די הייליגע ווערטער איינמאל און נאכאמאל, און כ'האב ממש געשפירט ווי איך בין אין שויס פון דעם רבוש"ע.

מיין רייע איז אנגעקומען, און די שופטת פרעגט דעם פראסעקיוטער: "וואו איז דער מענטש וואס מ'האט געשיקט מעסטן דעם שטח?". צו מיין וואונדער, ענטפערט דער פראסעקיוטער, אז יענער האט נישט געקענט קומען, ווייל ער האט געמוזט אריינפארן אין שפיטאל מיט א קינד וואס האט געהאט אן 'עמערדזשענסי'.

א קליינטשיגע ישועה איז דאס שוין געווען. אבער דא האט פאסירט די עיקר נס: אן קיין שום פארשטענדליכע סיבה האט די שופטות זיך פלוצים אויפגערעגט און אנגעהויבן שרייען מיט כעס אויף דעם פראסעקיוטער, כאילו איינער איז דא עפעס שולדיג: "פארוואס איז ער נישט געקומען?! ווען מ'שמועסט אפ א צייט, דארף מען דא זיין!!"

אזוי האט זי ממש געשאלטן און זיך געבייזערט אלאנגע צייט, כאטש מ'האט דאך איר געזאגט גאר א פארשטענדליכע סיבה, פארוואס ער האט נישט געקענט אנקומען.

פון דארט האבן זאכן אנגעהויבן פארן אין א גוטע ריכטונג ב"ה. די אויספיר פון דער מעשה איז געווען, אז נישט בלויז וואס כ'האב נישט באקומען קיין שום געלט שטראף, און נישט בלויז וואס כ'האב אלעס געקענט לאזן אן צעווארפן, האב איך גאר באקומען ערלויבעניש פון געריכט צו בויען נאך ברייטער און העכער... אן ערלויבעניש וואס קיינער אין יענעם געגנט האט נאכנישט באקומען, און אדאנק דעם האב איך גאר שיין פרנסה דערפון, עד היום הזה!

איך האב גארנישט דערלייגט פון מיין שמירת עינים, נאר כ'האב געוואונען דאס געריכט מיט אזא הצלחה, אן קיין שום לויער, ממש שלא כדרך הטבע!

כ'האב דעמאלט געשפירט אז מיין ישועה, איז געקומען פון יענע מינוטן וואס כ'בין געווען גענצליך אנגעווארפן אויפ'ן רבוש"ע; איך האב באמת געוואוסט מיט מיין גאנצע הארץ אז קיינער קען מיר נישט העלפן, אויך נישט קיין לויער, נאר דער אויבערשטער אליין. דאס האט מיר געברענגט די ישועה! אבער ס'איז זיכער אז כ'האב זוכה געווען צו אזא אמונה בלויז אדאנק מיין זהירות אויף שמירת עינים. אין זכות פון דעם מסירת נפש נישט צו שטיין אין ווארט מיט א פריצה, אפילו ווען ס'האט באדראעט מיין גאנצע פרנסה. צוליב דעם האב איך באקומען די מתנה פון הימל, אז כ'זאל קענען עפענען באמת מיין הארץ פאר'ן רבוש"ע, און דערנאך באקומען אזא אומנאטורליכע ישועה בעז"ה.




# אן אומוועג פון 7 מינוט טאָג טעגליך

**ר' פנחס פעלער הי"ו פון סטעטן איילענד, פארציילט:**

איך האב זייער וויכטיג געדארפט באקומען פאר מיין ביזנעס א SBA ליין און קרעדיט פון דער באנק. כ'האב דערפאר אנגערופן א מומחה אין דעם פעלד, וואס האט מיר אנגעוויזן וויאזוי צו אנפאנגען דעם פראצעדור.

אין אנהויב האב איך נישט געקלערט אז דאס איז עפעס א שווערע פראיעקט, אבער כ'האב זיך געמאכט דעם חשבון אז ס'קען נישט שאטן צו מאכן א קבלה טובה, כדי אז אלעס זאל דורכגיין כשורה אן קיין פראבלעמען.

ס'קומט מיר אויס יעדן טאג אז כ'דארף יעדן טאג אנקומען צו א




געווען אין מצרים. דאס לאנד מצרים ווערט אנגערופן 'ערות הארץ' און דאס מצריי'שע פאלק איז געווען 'שטופי זימה' (רש"י פרשת לך, יב, יט). אלע גאסן פון מצרים זענען געווען מלא פריצות און זוהמה. דאס איז געווען א חלק פון דעם מצריי'שן קולטור, און אידן האבן דארט געהאט אויסצושטיין שווערע נסיונות אין קדושה, אבער אידישע קינדער האבן זיך געשלאגן מיט'ן יצר הרע טאג טעגליך.

דעריבער איז עס נישט קיין וואונדער אז זיי האבן זוכה געווען צו אזא גרויסער שפע פון דעם 'רכוש גדול', וואס **חז"ל** זאגן דערויף (בכורות ה, ב): 'שאין לך כל אחד ואחד מישראל שלא היו עמו תשעים חמורים טעונים מכספה וזהבה של מצרים', און דערנאך צו די אויסטערלישע השפעות פון דעם 'ביזת הים', וואס איז נאך געווען אסאך מער פון דער רכוש מצרים. 'גדולה היתה ביזת הים מביזת מצרים' (רש"י שה"ש א, יא).

ווען אידן זענען ארויס פון מצרים זענען זיי באגאסן געווארן מיט אן אויסטערלישע עשירות, גאלד און זילבער, טייערע דימאנט שטיינער און אלע סארט אוצרות. אלעס צוליב דעם וואס זיי האבן זיך געפלאגט צו בלייבן בקדושה, טראצדעם וואס ס'איז אנגעקומען שווער.

דער הייליגער **ישמח משה** (בא, א"י הטעם) זאגט אז דאס איז פשט אין דעם **מדרש**: 'הים ראה וינוס, מה ראה, ישראל באים ורכוש מצרים בידם' - ווייל דער ים האט נישט געוואוסט טאמער אידן זענען ראוי אז ער זאל זיך שפאלטן פאר זיי, אבער ווען דער ים האט געזען אז אידן קומען מיט אזא ריזיג פארמעגן, האט ער באלד געוואוסט אז אויב אידן האבן אזא שפע איז דאס די גרעסטע הוכחה אז זיי זענען געווען אפגעהיטן! ווייל דאס איז איינס וואס ברענגט די צווייטע.

## שמירת עינים, אפילו נאכ'ן דורכפאלן, איז משפיע געלט

ובימים ההם בזמן הזה. די זעלבע 'רכוש מצרים' און 'ביזת הים' איז אנגעגרייט פאר יעדן איד וואס איז זיך מתגבר אויף זיין יצר הרע און היט זיך אפ די אויגן פון קוקן אויף שלעכטס.

ווען אידן זענען אַרויס פון מצרים זענען זיי באַגאָסן געוואָרן מיט אַן אויסטערלישע עשירות, גאָלד און זילבער, טייערע דימאַנט שטיינער און אַלע סאָרט אוצרות. אַלעס צוליב דעם וואָס זיי האָבן זיך געפּלאָגט צו בלייבן בקדושה, טראָצדעם וואָס ס'איז אָנגעקומען שווער.

**הרה"ק רבי שרגא יאיר מביאליסבורג זצ"ל** שרייבט אין ספר **ארון עדות** (פרשת בחקותי): "דורכ'ן היטן די אויגן און דאס מויל בקדושה איז מען זוכה צו עשירות און צו אלעם גוטן".

אזוי שטייט אין ספה"ק **אמרי נועם** פון **הרה"ק רבי מאיר מדזיקוב זצ"ל** (בראשית, ד"ה לחבר), אז די סופי תיבות פונעם פסוק "ועוצם עיניו מראות ברע" איז מעות - א רמז אז שמירת עינים איז משפיע פאר א מענטש אסאך געלט און פרנסה בריווח.

דער ספה"ק **אור לשמים** (פ' בהעלותך)[3] זאגט אויפ'ן פסוק וואס שטייט ביי יוסף הצדיק (בראשית מט, כב): **בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף** - דאס ווארט 'פורת' איז די זעלבע אותיות ווי 'פתורא', וואס מיינט א טיש. א רמז אז ווער ס'היט אפ די אויגן איז זוכה צו א 'שלחן מלכים' מיט פרנסה בריווח! אזוויי יוסף הצדיק וואס האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע שפע און געקענט שפייזן אלע זיינע ברידער, אדאנק זיין קדושה וטהרה.

דער אור לשמים איז נאכמער מסביר, אז ווען א מענטש היט זיך אפ מיט די אויגן נישט צו קוקן אויף וואס מ'טאר נישט, וועקט ער דורכדעם אויף פון אויבן, אן 'עינא פקיחא', וואס דאס טוט אים משפיע זיין פרנסה, און ער קען אפילו משפיע זיין פאר אנדערע אויך.

און דער אור לשמים לייגט צו שטארקע דברי חיזוק, אז די אלע השפעות פון פרנסה קומט נישט בלויז פאר אזא איינער וואס איז בכלל נישט נכשל געווארן מיט די אויגן, נאר אפילו אויב א מענטש איז חלילה יא שוין דורכגעפאלן, אבער אויב טוט ער תשובה דערויף, איז די תשובה אלעס מתקן, און ער איז זוכה צו דער גרויסער שפע פון הימל!

## דורך די קדושה פון צדיקים האבן זיי געקענט משפיע זיין פרנסה

דער אור לשמים פירט אויס אז אזוי האט מען טאקע געזען, במשך אלע דורות, אז ס'איז געווען צדיקים וועלכע האבן געהאט די בחינה פון 'יוסף הוא המשביר', וויבאלד זיי האבן זיך אזוי שטארק געהיטן בקדושה, האבן זיי

---

**נֹעֵר כַּפָּיו מִתְּמֹךְ בַּשֹּׁחַד אֹטֵם אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ דָּמִים וְעֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע",** מכל מקום לא אמרינן דרק אם עשה הכל ביחד יזכה לכל הברכות, רק זה קאי אכל אחת בפני עצמו, דבשביל כל אחד בפני עצמו כדאי להתברך בכל הברכות, כן מבואר בכעין זה במס' קידושין (יג.) ושבועות (לט.) עה"פ (הושע ד, ב-ג) **"אלה וכחש וכו' על כן תאבל הארץ וכו'"** על פי המבואר במהרש"א (קידושין שם), עיי"ש דמדבריו יוצא דלמסקנת הגמ' בכל מקום שנכתב בקרא דבר אחד בלא ו' החיבור, זה מורה שמה דכתיב אח"כ קאי על כל אחד בפני עצמו. וכן נראה מהמדרש (ויק"ר כג, יג) דמי שאינו זן עיניו מן הערוה זוכה לראות בזיו השכינה דכתיב (שם) 'ועוצם עיניו מראות ברע', ומה כתיב בתריה 'מלך ביפיו תחזנה עיניך', ע"כ. הרי שהבינו דהברכות שאח"כ קאי אף על עוצם עיניו בלבד, ודוק.

**3.** ספה"ק **אור לשמים:** "כי מעשה התחתונים גורם שפע בעליונים, אם טוב מעשיהם אזי טוב למעלה ולמטה, ואם ח"ו להיפך, ובאיזה אבר שאדם עושה מעשה טוב אזי מעורר דוגמתו למעלה בשיעור קומת אדם עליון כביכול, ואיתא (ע' זח"ג קל., ע' ברכות כ.) בזכות שיוסף הצדיק לא רצה להסתכל בעבירה זכה ל'עינא פקיחא דלא נים תדיר'... **ולזה זכה יוסף הצדיק מחמת שלא הסתכל בעבירה זכה לעינא פקיחא,** כמ"ש (בראשית מט, כב) בן פורת עלי עין. **ו'פורת' הוא אותיות 'פתורא' הוא שלחן, מזה זכה לגדולה ש'כלכל את אחיו'.**

וכמו כן **יש צדיקים בכל דור ודור שנטרו אבריהם מעבירה זכו להשפע הנ"ל להם ולכל דורותיהם.** גם אם יש ח"ו איזה אדם





געוויסע פלאץ. און דאס שנעלסטע וועג אהין, איז ווען מ'גייט אריבער א פארנומענע גוי'אישע גאס, וואו ס'איז נאטירליך מער שייך נסיונות מיט ריינע אויגן.

דעריבער האב זיך איך געמאכט א קבלה אז טראצדעם וואס ס'איז געווען ווינטער, וועל איך מער נישט גיין דורך יענע גאס. כ'וועל ליבערשט מאכן אן אומוועג פון 5-7 מינוט דורך אנדערע גאסן, און דאס זאל זיין א זכות, אז כ'זאל אפראווד ווערן, אן קיין שוועריגקייטן.

נאך עטליכע טעג וואס כ'האב געהאנדלט מיט דער באנק און אריינגעשיקט די דאקומענטן, זאגט מיר דער מענטש מיט וועמען איך האב גערעדט, אז ער האט שטארק מורא, אז די באנק וועט מיר מאכן פראבלעמען, ווייל ווי דער שטייגער האט דאך יעדע באנק זייערע משוגעת'ן, און די ספעציפישע באנק האט א שלעכטע בליק אויף די אינדוסטריע פון מיין ביזנעס. זיי האלטן אז ס'איז א ריזיקאלישע אינדוסטריע און דעריבער געבן זיי שווער ארויס 'לאונס' דערויף. פונקט א חודש צוריק האט ער געהאנדלט מיט זיי וועגן אן אנדערע ביזנעס פון דעם סארט, און יענע ביזנעס האט למעשה נישט געקענט באקומען דאס געלט. לאמיר האפן אויפ'ן בעסטן...

איך האב דערוויל ערליך מקיים געווען מיין קבלה יעדן טאג. הגם ס'איז אנגעקומען גאנץ שווער, ווייל איך האב א 'דעדליין' ווען איך דארף טעגליך זיין ביי יענעם פלאץ, און די עטליכע מינוט לענגער קען אסאך מאל אויסמאכן דעם דיפערענץ אויב כ'וועל אנקומען פונקטליך, אדער אויב כ'וועל פארשפעטיגן די צייט. דער יצר הרע איז אויך א מומחה אין פארדרייען א קאפ אז: "ס'איז דאך ווינטער, ס'איז נישט אזא פראבלעם, קענסט אמאל מוותר זיין..." כ'האב זיך אבער געשטארקט און ווייטער אנגעהאלטן.

ס'איז אריבער בלויז 2-3 וואכן און די באנק האט ב"ה אפראווד א לאון פאר די גאנצע סומע וואס כ'האב געדארפט! דער אויבנדערמאנטער מומחה וואס האט מיך באגלייט, איז געווען ממש שאקירט. ער האט נאך קיינמאל בעפאר נישט געהאט אזא מציאות, אז די באנק זאל אזוי שנעל באשטעטיגן, אן מאכן קיין שום פראבלעמען, און טאקע פאר די פולע סכום וויפיל מ'האט זיי געבעטן. איך בין אבער נישט געווען אזוי איבערראשט, ווייל כ'האב געוואוסט פארוואס ס'איז געשען... אז מ'טוט פאר שמירת עינים, העלפט דער אויבערשטער!



# שעפשען א תפלה, אנשטאט געבן א ביזנעס קארטל

**הר"ר אפרים זעלקאוויטש הי"ו פון קרית יואל פארציילט:**

איך בין א ריעל עסטעיט בראוקער שוין עטליכע יאר. כ'האב אריינגעלייגט אסאך כוחות צו באקומען 'ליעדס' און 'ליסטינגס' פון פארשידענע מקורות, נאך איידער ס'ווערט פובליצירט אויפ'ן גאס. אבער במשך די צייט זענען צו מיין באדויערן דורכגעפאלן זייער אסאך גרעסערע און קלענערע דיעלס. ס'איז געווען צענדליגער פעלער ווען כ'בין שוין געזיצן מיט'ן 'סעלער', מיט'ן 'בייער', מ'האט שוין געהאט געשיקט דעם קאנטראקט און אויסגעארבעט די דעטאלן וועןביידע צדדים זענען מסכים צו די טערמינען, אבער למעשה איז דער געשעפט צעפאלן אין דער לעצטער מינוט.

איך האב זיך כסדר געוואונדערט וואס קען זיין די סיבה דערפאר, און כ'האב מחליט געווען אז כ'גיי מקבל זיין א שטארקע זהירות אין שמירת עינים.

די וועג וויאזוי עס ארבעט איז, אז איך פאר ארום צו פארשידענע פלעצער וואו כ'קלער אז מ'קען דארט טרעפן גוטע דיעלס. אבער היות דאס געזעץ לויטעט אז א ריעל עסטעיט בראוקער טאר נישט אריינגיין אין א פרעמדע פראפערטי אדער קלאפן אויפ'ן טיר, פרובירט מען צו טרעפן די אייגנטומער ווען זיי זענען אינדרויסן פון זייער הויז. אזוי קען מען אנהויבן א שמועס און מ'גיט זיי א קארטל, אז ווען זיי זענען אינטערעסירט צו פארקויפן דאס הויז זאלן זיי מיר רופן.

האב איך זיך געמאכט א קבלה אז אויב כ'קום אן צו א פלאץ וואו ס'איז דא א פרוי, אפילו אויב זיי זענען געקליידט ארנטליך און ס'איז נישטא קיין שום שאלה אדער נסיון, וועל איך אבער בכלל נישט צוגיין, נאר שעפשען א תפלה: "רבוש"ע, איך וואלט געקענט צוגיין, און ס'וואלט אפשר געווען א גוטע ליעד, אבער איך טו דאס נישט, און אין דעם זכות וואס כ'לייג מיך נישט אריין אין קיין נסיון פון שמירת עינים, זאל איך מצליח זיין ערגעץ אנדערש".

וואנדער איבער וואונדער! זינט איך האב זיך דאס אונטערגענומען, זעה איך ב"ה א שיינע הצלחה. אפילו געוויסע זאכן וואס זענען שוין געווען אראפ פון טיש, זענען לעצטנס ב"ה צוריקגעקומען אין זכות פון זיך היטן די אויגן בקדושה.




באקומען די מתנה פון שפע, און טאקע משפיע געווען פרנסה פאר זיך און פאר אנדערע אן קיין גרעניצן.

בדרך אגב, א ביישפיל דערצו איז געווען דער צדיק יסוד עולם, **הרה"ק רבי ישעי'לע מקערעסטיר זי"ע**, וואס כידוע אז ביי אים האט זיך געגאסן אן אומבאגרייפליכע שפע פון אלע סארט השפעות, ובמיוחד אויף דעם ענין פון פרנסה, און צדיקים האבן מעיד געווען (ראה ספר עבודת עבודה דף רמ"ב) אז ער האט באקומען דעם שליסל פון די הימלישע שפע, צו קענען טיילן פאר אידן מיט אזא הרחבה עד בלי די, אלעס אין זכות פון זיינע מורא'דיגע הויכע מדריגות אין קדושה ושמירת היסוד.

## שמירת עינים גייט סינאנים מיט ברכה און שפע

**הרה"ק בעל דברי ישראל פון מאדזיץ זצ"ל** זאגט (דברי ישראל, כללי דאורייתא אות ה) אויף'ן פסוק (שמואל א טז, ז): **כִּי הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה' יִרְאֶה לַלֵּבָב** - אז דאס ווארט **לבב** איז ראשי תיבות **ל**חם, **ב**גד, **ב**ית, וואס די דריי זאכן זענען כולל אלע סארט צרכים פון א מענטש. זאגט דער פסוק: 'האדם יראה לעינים' - א מענטש זאל זען צו היטן זיינע אויגן, און דעמאלט וועט זיין 'וה' יראה ללבב' - דער אויבערשטער וועט זען ער זאל האבן אלע זיינע צרכים.

**הגה"ק רבי חיים פאלאג'י זצ"ל** אין זיין ספר **תוכחת חיים** שרייבט (פרשת אחרי): "דורכדעם וואס די אויגן פון א מענטש קוקן בלויז אין דער תורה און אין מצוות, און זיי זעען נישט קיין 'דברי חול' און כל שכן א 'דבר ערוה' אדער אנדערע ראיות אסורות, איז ער זוכה אז זיין פרנסה זאל זיין ברווח און נישט בצמצום. נישט בלויז וועט ער האבן פרנסה ברווח וועט ער איז צווישן זיינע חברים וועלכע האבן אים ליב און פארגינען אים, נאר אפילו וועט ער געפינט זיך צווישן זיינע שונאים וועלכע האבן אים פיינט און זוכן קאליע צו מאכן זיין פרנסה, וועט אים די סגולה פון שמירת עינים ביישטיין ער זאל האבן פרנסה."

ג

# וְאַף אַתָּה אֱמֹר לוֹ: בשעת נסיון – רעדן צום גוף זיין שפראַך

## לאמיר נישט פארשפילן די פרנסה...

צומאל טרעפט זיך דער מענטש אין א פארלעגנהייט: ער שפירט אז אויב ער וויל אהיימברענגען פרנסה צו שפייזן זיין שטוב, דארף ער פארקוקן אויף א גדר אין שמירת עינים. אבער דערפאר זענען מיר דאך אידן מאמינים בני מאמינים, וואס גלייבן און ווייסן אז: אן קיין שמירת עינים קען מען נישט מצליח זיין! יעדע סארט השתדלות וואס מ'וועט נאר פרובירן פאר פרנסה, קען נישט העלפן אויב מ'היט זיך נישט אפ די אויגן!

אזוי זאגט בפירוש דער **זוהר הק'** (תיקונים טו, ל:) אז איינער וואס איז נישט נזהר אין עיני' קדושה לויפט אים נאך דאס ארעמקייט רח"ל. אבער טאמער מ'מאכט גדרים וסייגים אויף שמירת עינים עפנט מען די מקור הברכה, ס'ברענגט אריין שפע אין פרנסה!

**הרה"ק דער בית אברהם פון סלאנים זצ"ל** (בית אברהם, בהעלותך) שרייבט קלארע ווערטער:

"די פרנסה פון א מענטש איז געווענדן לויט ווי אזוי ער היט די אויגן, און דורכדעם וואס ער האט הנאה פון קוקן וואו מ'טאר נישט רעכנט מען אים אראפ פון זיין פרנסה!"

## געטרויען דעם רבוש"ע

ריכטיג אז נישט אייביג זעט מען דאס אויף דער מינוט, אבער א איד דארף געדענקן אז געלט וואס מען פארדינט דורך א פגם אין שמירת עינים איז אוממעגליך אז דאס זאל פירן צו הצלחה. נאר דער רבוש"ע באהאלט דאס צומאל פונעם מענטש, אז ער זאל נישט גלייך זען אלעס פון דער ערשטער מינוט, ווייל ס'מוז דאך בלייבן א בחירה.

אפילו פון א פראקטישן זין, ווייסט יעדער ביזנעסמאן אז די הצלחה מעסט זיך נישט אויף וואס מ'זעט יעצט אויף דער מינוט מיט די אויגן, און בפרט ווען ס'האנדלט זיך מיט גרעסערע געשעפטן. מ'דארף האבן אסאך געדולד און חכמה צו קענען אפשאצן יעדע שריט, אויב דאס וועט ברענגען הצלחה אדער א הפסד.

על אחת כמה וכמה, ווען ס'האנדלט זיך אין אזא קריטישער יסוד ווי 'שמירת עינים', קען מען חלילה מאכן דעם טעות כאילו ס'איז דא א מציאות פון הצלחה אויף'ן חשבון פון די הייליגע אויגן, אבער שפעטער שטעלט זיך ארויס אז דאס האט געברענגט ממש דאס פארקערטע, 'עושר שמור לבעליו לרעתו' חלילה.

מיר דארפן פשוט געטרויען דעם רבוש"ע, וואס יעדע פרוטה און יעדע הצלחה קומט פון אים. ער ווייסט דאס בעסטע וואס ס'איז גוט פאר אונז, און זיין הבטחה וועט זיכער פאסירן, אפגעזען פון די חשבונות וואס דער מענטש מאכט, לויט וויאזוי ס'קוקט אים אויס יעצט אויף דער מינוט מיט זיינע פליישיגע אויגן.

## זאגן פאר'ן גוף: ס'לוינט זיך נישט פאר מיין גשמיות'דיגע הצלחה

ווען א איד געדענקט גוט אט דעם יסוד האמונה, איז דאס א געוואלדיגע גדר און שמירה

---

שלא שמר את עצמו מהחטא, **ואח"כ שב בתשובה שלימה, וע"י התשובה נתקן הכל, זוכה ג"כ להשגיח... מעינא פקיחא כנ"ל.** וזה פירוש הפסוק 'עיני ה' אל יראיו' - להצדיקים דמעיקרא, וגם 'למיחלים לחסדו' - זה בחי' בעלי תשובה, כי תשובה נק' חסד כי חסד גדול הוא מה שהקב"ה מקבל לשבים לו, **וזה השב בתשובה זכה ג"כ להשגחה מעינא פקיחא לו ולדורותיו.** עיי"ש באריכות.





# איך פייט מער נישט קיין טיקעטס

**א אינגערמאן פון וויליאמסבורג פארציילט:**

מיט א צייט צוריק האב איך באקומען א דרייווינג טיקעט און כ'האב געדארפט גיין אין געריכט דאס צו באקעמפן. זייענדיג אין געריכט הויז איז געווען פארשידענע נסיונות מיט שמירת עינים, און כ'האב באשלאסן אז אויב דאס וועט נאכאמאל געשען, וועל איך טון אלעס, כדי נישט צו דארפן אראפגיין פערזענליך אהין.

לעצטנס האב איך באקומען א פרישע טיקעט צוליב 'סיטבעלטס' פארלעצונגען, און כ'האב גלייך אנגערופן א לויער און אים מכבד געווען צו גיין אנשטאט מיר. ס'האט מיר טאקע געקאסט 300 דאלער, אבער כ'בין געווען אנטשלאסן אז איך גיי מער נישט אריין אין אזא פלאץ פון נסיונות. דער לויער איז טאקע געגאנגען און איך האב באצאלט דאס געלט און געבליבן מיט ריינע אויגן.

בעצם איז די מעשה ביז דא שוין געענדיגט פאר מיר. איך ליין כסדר די הערליכע מעשיות וואס אידן דערציילן דא אין דעם גליון, און ווען ס'איז מיר אליין אונטערגעקומען אזא נסיון, האב איך ב"ה גענומען דערפון די קוראזש זיך מתגבר צו זיין, אין א בחינה פון 'קנאת סופרים תרבה חכמה'. און כ'האב טאקע געשפירט א געוואלדיגע הרגשה פאר'ן טון אזא שריט כדי צו בלייבן מיט הייליגע אויגן.

אבער דער רבוש"ע האט מיר יא געוואלט ווייזן א פנים שוחקות, האב איך ממש עטליכע טעג שפעטער באקומען א שיינעם טשעק פון א משפחה מיטגליד לכבוד יום טוב. דאס איז מיר געקומען געענצליך אומגעראכטן, און דער סכום איז געווען היבש מער ווי די גאנצע טיקעט מיט'ן לויער אינאיינעם. פון הימל האט מען מיר משלים געווען דעם גאנצן חסרון, נאך מיט א שמיץ אריבער!



# באקומען דעם ריזיגן געהאלט העכערונג

**א איד פון ברוקלין דערציילט:**

איך האב געארבעט אויף א פלאץ וואס כ'האב דארט זייער הנאה געהאט, אבער ס'איז געקומען צו א פונקט וואס דאס געהאלט האט נישט געקלעקט אויף די שטייגנדע רענט און די פשוט'ע טעגליכע הוצאות. האב איך בלית ברירה געמאלדן פאר מיינע ארבעטס געבער אז איך קומענדיגן יאר וועל איך מוזן גיין זוכן אן אנדערע פרנסה.

למעשה האט מען מיך שטארק געבעטן אז כ'זאל יא בלייבן, און זייענדיג אז מ'דארף מיך אזוי שטארק האבן, האב איך געגעבן א זאג א נומער, וואס פאר אזויפיל געלט בין איך גרייט יא צו אנגיין מיט דער ארבעט. ס'איז געווען אסאך מער וויפיל איך האב ביז דעמאלט פארדינט, און ס'איז געווען א סומע וואס וועט זיין גענוג צו באצאלן די רענט און דורכלעבן רואיג דעם חודש. מיינע ארבעטס געבער האט מיך געזאגט אז זיי וועלן צוריקקומען צו מיר מיט אן ענטפער.

עטליכע טעג שפעטער האב איך מחליט געווען אז איך גיי זיך פארנעמען א קבלה טובה, נישט צו דורכגיין א געוויסע הויפט גאס אין מיין געגנט, וואו עס פארן אריבער פריצות'דיגע באסעס מיט גוי'אישע טוריסטן. אין דעם זעלבן טאג בין איך טאקע אנגעקומען צו יענע גאס, און זעענדיג אז די באסעס זענען שוין ווייטער דא, האב איך געמאכט אן אומוועג צו געענצליך אויסמיידן די גאס.

גלייך אין יענע מינוט צעקלינגט זיך מיין טעלעפאן און איך זע אז דאס איז פון מיין ארבעטס פלאץ. איך האב אויפגעהויבן דעם טעלעפאן און כ'בין געמאלדן געווארן אז מ'האט באשטעטיגט די פונקטליכע סומע וואס איך האב געבעטן! ס'איז געווען אפן און קלאר דער יד ה', וויאזוי דער אויבערשטער באצאלט פאר'ן זיך אונטערנעמען א זהירות אין קדושה.




**דבר המערכת:**

# מעג מען רעדן וועגן די השפעות?

דער דאָזיגער גליון, וואָס ערשיינט לקראת חג הפסח שנת תשפ"ה, איז בעיקר באַזירט אויף דער טעמע פון 'ברכוש גדול', וויאַזוי שמירת עינים פאַרמאָגט דעם געוואַלדיגן כח און סגולה נפלאה, צו עפענען די שערי פרנסה ועשירות פאר אַ איד וואָס היט זיך אָפּ זיינע אויגן.

די סיבה וואָס האָט באַוואויגן צו אַרויסגעבן אַזאַ סאָרט גליון, איז דער מציאות אַז דער 'וואויסמעיל' פון מערכת 'טהור עינים', ווערט כסדר איבערגעפילט מיט מעסעדזשעס פון אידן וואָס דערציילן זייערע ערשטהאַנטיגע סיפּורים, מיט ישועות נפלאות וואָס זיי האָבן מיטגעלעבט אין זכות פון שמירת עינים, און זייער אַסאַך פון די מעשיות זענען איבער די נושא וואָס איז נוגע פאַר אונז אַלע: פרנסה.

אידן זעען פשוט וואונדער, וויאַזוי זיי ווערן בפועל געהאָלפן מיט פרנסה, מיט השפעות פון געלט, און מיט הצלחה אין די געשעפטן. וואָס ווי דערמאַנט צווישן די בלעטער פון דעם גליון איז דאָס ווירקליך אַן אָפענע הבטחה פון השי"ת, אַז ווען מ'פאַרמאַכט די אויגן באַקומט מען ברכה אין פרנסה.

◆ ◆ ◆

מיר שפּירן אָבער פאר וויכטיג צו אויסשמועסן אַ שטיקל טענה וואָס מ'הערט פון פילע טייערע אידן, איבער די מעשיות וואס ווערן געברענגט אין דעם גליון, אַז ס'איז נישט ריכטיג דער מהלך צו פאַרציילן מעשיות וויאַזוי מ'איז געהאָלפן געוואָרן אַדאַנק קבלות טובות אין שמירת עינים, ווייל דאָס מאַכט דעם אָנבליק, כאילו די סיבה פאַרוואָס מ'דאַרף זיך היטן די אויגן איז ווייל מ'באַקומט דערפון ישועות און השפעות... מיר זענען דאָך סייווי מחויב צו אָפּהיטן די אויגן, ווייל ס'איז אַ חיוב מן התורה און ס'איז אַ דאורייתא'דיגער לאו פון 'ולא תתורו', און אודאי טאָרן מיר דאָס נישט מקיים זיין נאר מיט'ן חשבון צו באַקומען ברכות מיט שפע. איז דען די גאַנצע קיום התורה געוואָרן נאָך אַ סגולה אויפ'ן מאַרקעט?!

אנדערע טענה'ן אַז די ריכטיגע צוגאַנג איז דאָך נישט צו טון מצוות פאר אַ שכר גשמי. מיר דאַרפן דינען דעם רבוש"ע לשמה און מיט מסירת נפש, אָפּגעזען צו ס'ברענגט גוטס אָדער דאָס פאַרקערטע. דאָס איז אייגנטליך די פשוט'ע באַדייט פון 'בכל מאודך' - אפילו אויב מען דערלייגט אַסאַך געלט, ווי ס'ווערט טאַקע גע'פסק'נט להלכה אין **שו"ע** (או"ח סי' תרנ"ו סעיף א) אז אפילו מען גייט שאָדן האָבן דאָס גאַנצע געלט וואָס מ'פאַרמאָגט, טאָר מען נישט עובר זיין אויף קיין שום לאו אין דער תורה.

דערצו איז דאָ אַ חשש, אַז אַזעלכע 'סוקסעס געשיכטעס', קענען נאָך ברענגען אַ שאָדן, ווען מענטשן נעמען זיך אונטער גוטע קבלות און זיי שטייען און וואַרטן אויף זייער ישועה, וואָס אויב ס'קומט נישט אָן ווערן זיי דערנאָך צעבראָכן און געבן אויף דעם קאַמף, וויבאַלד זייער גאַנצע קבלה טובה איז לכתחלה געווען געבויעט אויף די סגולה און די השפעות וואָס מ'באַקומט.

אַנשטאָט דעם - רעקאָמענדירן די אידן - וואָלט מען געדאַרפט בלויז ברענגען אַזעלכע מעשיות וואָס ברענגען אַרויס דאָס העלדישקייט פון אידן, וויאַזוי זיי ספּראַווען זיך מיט אַ שטאַרקייט קעגן נסיונות. מ'זאָל בלויז אַרויסהייבן דאָס חשיבות פון יעדע התגברות, אָן בכלל רעדן פון די רווחים וואָס מען באַקומט דערפון.

◆ ◆ ◆

האמת נגיד, אז מיר האבן טאקע געהאט עטוואָס ספיקות דערוועגן, צו ס'איז טאקע ריכטיג צו ברענגען אזויפיל פון אזעלכע מעשיות, און מיר האבן דאָס דורכגעשמועסט מיט עטליכע חשוב'ע מורי הוראה און עלטערע בעלי השקפה שליט"א, וכולם פה אחד ענו ואמרו, אז ס'איז גאר א גרויסע תועלת און מ'דארף אודאי ברענגען ווי מער פון די סאָרט סיפּורים, ווי איינער פון זיי האָט זיך אויסגעדריקט: "ס'איז א גרויסע מצוה צו ברענגען אזעלכע מעשיות! דאס גייט אריין אין דעם כלל פון 'שיחו בכל נפלאותיו', מ'דארף רעדן פון די געוואלדיגע השגחה פרטיות וואס מ'זעט עין בעין!".

די סיבות פאַרוואָס ס'איז יאָ אַזוי וויכטיג צו פאַרציילן די ישועות און השפעות דורך שמירת עינים, האָבן די דיינים שליט"א אַרויסגעברענגט, אַז ערשטנס, איז דאָס אַ חלק פון אונזערע יסודות האמונה אַז השי"ת איז גומל טוב לשומרי מצותיו. און אויב זעט מען וויאַזוי דאָס פאַסירט אין דער ווירקליכקייט דאַרף מען דאָס זיכער פאַרציילן ווייל דאָס ברענגט אַ חיזוק אין אמונה.

צווייטנס, איז דער כלל אַז 'מתוך שלא לשמה בא לשמה'. דאָס גיט אַ געוואַלדיגע שטופּ און מאָטיוואַציע פאַר אידישע קינדער וואָס גייען אַריבער שווערע נסיונות, אַז זיי זאָלן האָבן די שטאַרקייט זיך מתגבר צו זיין וואוסנדיג אַז מ'גייט דערפאַר באַלוינט ווערן אפילו מיט די גשמיות'דיגע באַגריפן. (זע מער דערוועגן אין דעם צענטראַלן מאמר).

◆ ◆ ◆

פאָרט אָבער שפּירן מיר אַלס אַ פליכט צו באַהויפּטן אַז די אַלע אויבנדערמאַנטע טענות זענען בעצם ריכטיג, און ווען מ'רעדט וועגן די גרויסע השפעות פון שמירת עינים, דאַרף מען גלייכצייטיג חזר'ן דעם אמת, אַז כאָטש וואָס מען פאַרדינט טאַקע גאָר אַסאַך פון זיך פירן בקדושה, איז אבער נישט **דאָס** דער סיבה פארוואס זיך אָפּצוהיטן. מיר דארפן דאס טון סיי וויאַזוי, ווייל אזוי שטייט אין דער תורה! אפילו ווען עס קאָסט אַ טייערן פּרייז, אָן קיין שום רווחים, איז מען נאָך אַלץ מחויב צו אָפּהיטן די אויגן מיט מסירת נפש!

שוין אָפּגערעדט, אַז אויב מ'האט זיך מקבל געווען א קבלה אין מ'זעט נישט באלד די ישועה וואָס מ'האט ערוואַרטעט, איז דאָס אודאי נישט קיין סיבה צו ווערן צעבראָכן. דער רבש"ע ווייסט אסאך בעסער פונעם מענטש, וואָס ס'איז די בעסטע טובה פאַר אים, און ווען השי"ת זאל ווען ווייזן פאַר'ן מענטש אלע זיינע חשבונות, וואָלטן מיר אויך אויך צוגעשטומט דערצו, בלי ספק!

אויסער דעם, איז עס געוויס נאַריש פאַר'ן מענטש צו טראַכטן כאילו דער רבש"ע קומט אים עפּעס. מיר זענען אַסאַך מער שולדיג פאַר'ן גרויסן באַשעפער אויף זיינע אומגעהויערע חסדים וואָס ער טוט מיט אונז יעדע רגע אָן קיין שיעור!

וויפיל קבלות טובות מיר זאָלן נאר מקבל זיין, און וויפיל מעשים טובים מיר זאָלן נאר טון, וועט דאָס נישט זיין גענוג צו אָפּצאָלן אפילו ווי אַ טראָפּל פון דעם ים הגדול פאר די ענדלאָזע חסדים פון דעם מלך טוב ומטיב. ווי דער חובת הלבבות זאָגט אין שער הבטחון (פּרק ד) אַז אפילו אויב די מעשים טובים פונעם מענטש וואָלטן געווען 'כחול הים' וואָלט עס נישט געווען שקול קעגן איין טובה וואָס דער רבוש"ע האָט געטון מיט אים. און אודאי קענען מיר נישט האָבן קיין 'הוא אמינא' אַז




עפּעס 'קומט זיך' אונז נאָכ'ן מקבל זיין אַ קבלה טובה. דער רבוש"ע איז אונז גאָרנישט שולדיג קיינמאָל!

דער תכלית פון די אַלע סיפּורים איז אַלזאָ געאייגנט פאַר'ן תכלית הנרצה: צו שעפּן דערפון די נויטיגע כוחות הנפש אין דעם קאַמף קעגן דעם יצר הרע וואָס וויל אונז פאַרקויפן זיינע 'גליקן'. דורכדעם וואָס מ'געדענקט דעם גרויסן פאַרזיכערטן שכר בעולם הזה, איז דאָס אַ געוואַלדיגע מיטל זיך צו שטאַרקן בעז"ה בשעת אַ נסיון, ווייל מען געדענקט אַז ס'לוינט זיך 'אפילו בגשמיות' צו אַנטלויפן פון אַ ראי' אסורה! ווען אַ איד שטרענגט זיך אָן אָדער ער מאַכט אַ קבלה טובה, טוט ער דורכדעם עפענען אַ צינור פון חסד, אַז אויב ס'איז באַשערט פאַר'ן מענטש, זאָל זיין אַ פּאַסיגע כלי וואו די שפע זאָל קענען אַראָפּקומען מיט גרויסע השפּעות בעז"ה.

און אדרבה, מיר קוקן גלייכצייטיג אַרויס אַז אידן זאלן אַריינשיקן זייערע פּערזענליכע געשיכטעס, וויאַזוי זיי האָבן זיך געשטאַרקט מיט אַ העלדישקייט אויף נסיונות אין שמירת עינים, אויך אָן זען קיין ישועות אויפ'ן מאָמענט. אַזעלכע העראָאישע איבערלעבענישן זענען גאָרנישט וויניגער - און אפשר נאָכמער - באַלערנד און ס'וועט אודאי זיין אַן אויסטערלישע תועלת צו מחזק זיין אַנדערע אידן מיט דער הייליגער עבודה.

אויך די מעשיות וועלכע ענדיגן זיך ב"ה יאָ מיט ישועות און השפּעות, האָבן דאך בעצם אויך אן ערשטע האלב... די אַלע פארציילונגען זענען אָנגעפולט מיט אַזויפיל מוסר השכל, מיט אַזויפיל אמונה פּשוטה, מיט אַזויפיל אידישע שטאַרקייט, וואָס מ'קען זיך לערנען דערפון אָן קיין גבול, וויאַזוי אידן קעמפן און זענען עומד בנסיון מיט אַ ריינקייט פאַר'ן רבוש"ע.

◆ ◆ ◆

און צום שלוס: שטייענדיג אין דעם זמן פון 'בניסן נגאלו ובניסן עתידין להגאל', ווען אידישע קינדער קוקן אַרויס מיט אַ האָפענונג צו דער גאולתן של ישראל, לאָזט זיך גרינג זאָגן אַז 'טהור עינים' וועט ברענגען פאר משיח צדקינו אַ ספּעציעלע רירנדע מתנה: דער 'מעסעדזש באַקס' פון טהור עינים!

יא. דאָס איז זייער ווייט פון אַ גוזמא. די מעשיות וואָס פליסן אַריין אומאויפהערליך, זענען מבהיל על הרעיון, כאָטש וואָס אַ גרויסער טייל דערפון קען מען נישט אַרויסלייגן אויפ'ן גליון און מפרסם זיין ברבים. ס'לאָזט זיך נישט שילדערן וויפיל טויזנטער מעסעדזשעס קומען אַריין פון אידן איבער דער גאַנצער וועלט, און וויאַזוי פון אַלע סאָרט קול'כלעך, פון יונג און אַלט, הערט זיך אַרויס אן אומגעהויערע קידוש ה', פון אידן וואָס קלאַמערן זיך צו השי"ת מיט מסירת נפש און ראַנגלען זיך מיט אַלע מיני נסיונות צו פאַרבלייבן לויטער און געטריי פאר אבינו שבשמים, וואָס האָט זיך גאָרנישט גענאַרט ווען ער האָט אויסגעקליבן זיין באַליבט פאָלק, אשרי העם שככה לו!

א פריילּיכן כשר'ן פסח, מועדים לשמחה חגים וזמנים לששון!

מערכת טהור עינים

וואס קען אים בעז"ה אפהיטן אין אלע סארט מצבים. ווייל אסאך מאל בשעת ס'קומט אונטער א נסיון פארלירט מען דעם גלייכן שכל. עס העלפט נישט דעמאלט אלע גוטע מחשבות אין מח וויאזוי זיך אפצוהיטן.

די עצה איז דעריבער, צו רעדן צום גוף אויף זיין שפראך! די גאנצע טריק פונעם יצר הרע איז צו איינרעדן אז דער נסיון וועט ברענגען פאר'ן מענטש עפעס הנאה אדער תענוג. דערפאר זאל מען אים אפענטפערן זייער קלאר: די פאלשע הנאה אויף דער מינוט, איז מיר נישט ווערד קעגן דעם ריזיגן שאדן וואס איך גיי דערלייגן צוליב דעם! ווער ווייסט וויפיל יארן הארעוואניע און וויפיל הצלחות ס'גייט גיין לטמיון אלעס צוליב די איין נארישע תאוה?! ווידעראום פארקערט, מיט'ן זיך פארמאכן די אויגן וועל איך פארדינען, גאר גאר אסאך! ס'איז מיר פשוט א שאד דאס צו פארפאסן. יעצט איז מיין געלעגנהייט צו אינוועסטירן אין די ריכטיגע הצלחות!

## נישט פארפאסן דעם אויסטערלישן אינוועסטמענט

אנבאלאנגט דעם ענין זאגט דער **דברי שמואל פון סלאנים זצ"ל** (מקץ ד"ה וימאן), אז אין דער ביזנעס וועלט קען זיין אן ארבעטער וואס באקומט באצאלט אויף דער שעה, וואס אפילו ער וועט פארדינען א שיינע סומע, וועט ער אבער קיין גרויסער עושר נישט ווערן דערפון, ווייל סוף כל סוף קען ער ארבעטן נאר א געוויסע צאל שעות אין טאג. אבער דאן איז פארהאן א געניטער סוחר, וואס קען אמאל מאכן איין גוטע אינוועסטמענט; ער איז משקיע אויף איין פלאץ, וואס גייט אים אריינברענגען גרויסע רווחים און דאפלן זיינע פארדינסטן. אזוי אז אין א קורצע צייט פארדינט ער גאר אסאך.

דאס זעלבע איז ווען א איד דינט דעם אויבערשטן, און ער איז מקיים מצוות מיט מעשים טובים אויפ'ן טאג טעגליכן פארנעם. אודאי איז אנגעגרייט דערויף א געוואלדיגער שכר, אבער ווען ס'מאכט זיך א שווערער נסיון, דעמאלט האט מען א געלעגנהייט צו פארדינען אויף איינמאל ריזיגע רווחים! מ'דארף כאפן אזא אינוועסטמענט ווייל מ'קען יעצט אין קורצע סעקונדעס פארדינען אזעלכע רווחים וואס מ'קען קיינמאל נישט אנקומען דארט אין געווענליכע אומשטענדן!

נאכמער איז מבואר אין ספרים הק', אז צומאל איז אנגעגרייט פאר'ן מענטש א געוויסע שפע פון הימל און מ'וויל אים געבן אט די גרויסע השפעה. אבער מ'ווארט אז דער מענטש זאל זיין א פאסיגע כלי צו קענען מקבל זיין. דערפאר שיקט אים דער רבוש"ע ספעציעל אונטער א שווערן נסיון, און דער אויבערשטער קוקט ארויס אז דער מענטש זאל זיך מתגבר זיין, וואס דורכדעם וועט ער אליין עפענען זיין אייגענעם צינור, און באקומען די גרויסע טובות און חסדים וואס איז גרייט פאר אים.

## אנהויבן מיט'ן 'שלא לשמה' אלס א מעטאד קעגן דעם יצר הרע

ווען מ'רעדט וועגן דעם גרויסן שכר פון שמירת עינים, קען מען אמאל טראכטן: איז דען דאס די פאסיגע צוגאנג פארוואס מ'זאל אפהיטן די אויגן?! מיר ווייסן דאך די הדרכה פון **חז"ל** (אבות א, ג): 'אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס'. מיר דארפן טון דעם רצון הבורא, ווייל ער האט אונז אזוי באפוילן אין דער תורה, נישט צוליב אונזערע בענעפיטן?!

ס'איז אודאי ריכטיג אז דער תכלית פון אלע קיום המצוות דארף זיין בלויז מיט א ריינע כוונה לעשות נחת רוח לאבינו שבשמים. אבער גלייכצייטיג איז אויך אמת אז אט די מחשבות זעלבסט קען אויך זיין אן 'עצת היצר'. ס'איז דא פעלער ווען דער יצר הרע ווייסט דעם אמת, אז דער מענטש איז נאכנישט אין דער מדריגה זיך מתגבר צו זיין גענצליך ריין פאר'ן באשעפער'ס וועגן, דעריבער



## פרנסה בהרחבה
## אין זכות פון
## שמירת עינים

זאגט ער אים אז ער זאל אינזין האבן בלויז 'לשמה', און אזוי וועט דער מענטש צום סוף דורכפאלן.

מ'דארף זיך דעריבער אליין בוחן זיין, אויב מ'האלט שוין טאקע ביי דער מדריגה אז מ'וועט קיינמאל נישט דורכפאלן בלויז ווייל מ'וויל מקיים זיין דעם רצון ה'. חז"ל זאגן אונז שוין דערויף אז מ'דארף אלעמאל אנהויבן מיט 'שלא לשמה', ווייל דאס ברענגט דעם מענטש העכער, ביז ער וועט בעז"ה אנקומען צו טון די מצוות בלויז פאר'ן אויבערשטן.

דער יסוד שרייבט שוין דער הייליגער **תולדות יעקב יוסף** זי"ע (פ' חוקת ד"ה נעברה נא בארצך) אין נאמען פון זיין רבי, דער הייליגער **בעש"ט** הק' זי"ע: אז יעדע דבר מצוה וואס א איד טוט, אויב איז דאס ריין לשמה וועט זיין דערויף זייער א גרויסער יצר הרע. דעריבער איז די עצה, אז מ'זאל קודם טראכטן עפעס א גשמיות'דיגע הנאה וואס מ'גייט פארדינען פון דער מצוה, און דורכדעם וואס מ'הייבט אן טון 'שלא לשמה', וועט דער יצר הרע זיך נישט אזוי מתגבר זיין, און אזוי וועט מען קענען אנקומען צו טון די מצוה 'לשמה'. עכדה"ק.

א איד דארף טאקע היטן זיינע אויגן לשמה, ווייל דאס איז דער רצון ה', און אזוי שטייט אין די תורה, אבער אויב וועט ער נישט טראכטן וואספארא גרויסע טובה דאס איז פאר אים בגשמיות אויך, דאן קען ער האבן א שטארקע התגברות היצר. דערפאר איז די ריכטיגע עצה אז מ'זאל אויך געדענקען אז דאס זיך היטן וועט אים ברענגען אויסטערלישע השפעות אין פרנסה און אלעס גוטן, און פארקערט חלילה אויב היט מען זיך נישט וועט דאס קאליע מאכן די גאנצע שפע. מיט אזא צוגאנג איז אסאך גרינגער זיך מתגבר צו זיין, לטהרינו ולקדשינו ברוב סייעתא דשמיא.

---

4. **תולדות יעקב יוסף**: "ולזה אמרו בש"ס (פסחים נ:) לעולם יעסוק אדם בתורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. ודקדקו לומר לעולם יעסוק וכו', **דדוקא צריך תחלה שלא לשמה.** והטעם נ"ל, **דשמעתי ממורי** ביאור פסוק (תהלים קיט, נט) חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך, כי אם ירצה לקום חצות לילה רק לשם שמים ללמוד, יתגרה בו יצה"ר, לכך עצה יעוצה שיתעורר לדבר לעסוק בצרכיו ודרכיו שיש בו שייכות אל היצה"ר, ואח"כ ואשיבה רגלי אל עדותיך, וכיוצא בזה בשאר ענינים, ודפח"ח. ושפיר אמרו תחלה יעסוק שלא לשמה, שמתוך זה יוכל לבוא לשמה, ואשיבה רגלי אל עדותיך, **מה שאין כן כשירצה לעשות מיד לשמה, יתגרה בו היצה"ר להלחם כנגדו ויתבטל מכל וכל, לכך איש החכם בתחבולות יעשה מלחמה,** והחכמה תחי' בעלי'."

## על הטוב יזכר

### זכות עמוד בגליון

הר"ר **עפרים יואל ווייס** הי"ו
לרגל **נישואי בתו** למזל טוב

~~~

לזכות **נפתלי** בן **בתיה** לרפואה שלימה

### זכות 2000 גליונות

הגה"צ ר **קלמן האלבערשטאם** שליט"א
רב דביהמ"ד צאנז קרית יואל - לרגל **אירוסי בנו** למזל טוב

~~~

**לזכות הנדבן** - לברכה והצלחה בכל הענינים

### זכות מזכה

הרה"ג **אברהם שמחה גאטליעב**
שליט"א - לרגל נישואי בנו למזל טוב

~~~

הר"ר **מנחם פישער** הי"ו

~~~

הר"ר **יואל מאיר פריעדמאן** הי"ו

~~~

הר"ר **שלמה יקותיאל יאקאבאוויטש** הי"ו

~~~

הר"ר **מרדכי אנטשיל לאקס** הי"ו

~~~

הר"ר **אהרן מנחם אונגאר** הי"ו

~~~

הר"ר **מרדכי לייב מארקאוויטש**
הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב

~~~

הר"ר **חיים אביש לאקס** הי"ו
לרגל נישואי בנו למזל טוב

### זכות 1000 גליונות

הרה"ג ר **יואל** בר"ב **בערגער** שליט"א - לרגל הולדת בתו למזל טוב | הרה"ג ר **יעקב הלל ליכטענשטיין** שליט"א - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הרה"ג ר **יואל** בר"ש **בערגער** שליט"א - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הרה"ג ר **דניאל שטיינבערג** שליט"א - לזכות נחת דקדושה מכל יוצ"ח | הר"ר **יואל גאטליעב** שליט"א - לזכות בריאות השלימות ולהצלחה בכל הענינים ולשידוכים טובים ולראות רב נחת מכל יוצאי חלציו ולע"נ זקינתו מרת **חי רחל** ב"ר **אהרן** ע"ה, ב' דפסח | הר"ר **יחיאל יצחק שפיטצער** שליט"א - לרגל נישואי בתו למזל טוב | הר"ר **משה ישעי' סאמעט** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **משה סטרולאוויטש** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **אשר אנטשיל גאנדל** הי"ו - לע"נ אביו ר' **יודא** ב"ר **יצחק** ע"ה | הר"ר **אברהם יצחק לאנדא** הי"ו - לע"נ אמו מרת **גיטל** ב"ר **יעקב יודא** ע"ה - הר"ר **אליעזר שטיינבערג** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **אברהם הערש שעהר** הי"ו - לרגל נישואי בנו למזל טוב ולע"נ אביו ר' **שלום יצחק** ב"ר **משה** ע"ה | הרה"ח **יוסף לייב סאנדער** הי"ו - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הר"ר **יואל** ברמ"ל **גליק** הי"ו - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו | הר"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו | הר"ר **יואל יושע פעלבערבוים** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **יושע פישער** הי"ו - לרגל נישואי בנו למזל טוב | הר"ר **מתתי אירגאס** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **יחזקאל שרגא לאנדא** הי"ו - לרגל אירוסי בתו למזל טוב | הר"ר **יצחק אליקים שווארטץ** הי"ו - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הרה"ג **ישראל שלמה ליכטענשטיין** שליט"א מו"ץ - לרגל אירוסי בנו למזל טוב | הר"ר **אליעזר גאלב** הי"ו - לרגל הולדת בנו למזל טוב | הר"ר **יואל אברהם שווארטץ** הי"ו - לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצוות

### מזלא טבא

למעלת כבוד האי גאון
הרה"ג ר **שמחה שלום שטיינבערגער** שליט"א
מו"ץ ורב דביהמ"ד דברי חיים ק"י
**לרגל נישואי נכדתו למז"ט**

~~~

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ח **יואל עפשטיין** הי"ו
פטרון חודש אדר
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

~~~

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ח **משה חיים גאלדשטיין** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל אירוסי נכדתו למז"ט**

~~~

לכבוד ידידינו היקר
הרה"ח **אברהם מאיר איצקאוויטש** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל נישואי נכדו למז"ט**

~~~

לכבוד ידידינו היקר
הר"ר **יואל גאטליעב** שליט"א
העומד לימינינו בכל עת ועונה
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בככל מילי דמיטב אמן.


טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

**845.999.4114**
נאכן דריקן 1 פאר אידיש

1 נדבה ליין
2 איבערגעבן א מעשה, עצה, געדאנק
3 ארויסצוהעלפן מיט די הפצה
4 אויפסיינען אויף אימעיל
9 מערכת אפטיילונג

7 Beer Sheva #301 Monroe NY 10950
info@tahoreineyim.org

המערכת בלשה"ק **077.401.6591**
כתובת המערכת בלשה"ק:

המערכת בענגליש: **732.532.2242**

המערכת בספאניש: **054.115.219.8810**

לכל עניני הגליון בענגלאנד, נא לפנות אל **07421307356**

אויב זענט איר גרייט צו העלפן מיט'ן פארשפרייטן די גליונות אין אייער ביהמ"ד/כולל/ישיבה א.ד.ג., רופט אריין
**#1-3 845.999.4114**

מְזַכֶּה
$25 לחודש

**845.999.4114**
זיך צו פארבינדן פערזענליך מיט אונזער עסקן הר"ר שמעון ווייס, רופט 347.921.2577

| | |
|---|---|
| פטרון החודש **$12000** | עמוד בגליון **$600** |
| הוצאות הגליון **$6000** | 2000 גליונות **$360** |
| הדפסת הגליון **$1800** | 1000 גליונות **$180** |

מְזַכֶּה | **$25** לחודש
מְזַכֶּה | **$50** לחודש
מְזַכֶּה | **$100** לחודש
~~~